בס"ד
שלח בא"י תשפ"ג
גליון 144

# דעם רבינ'ס ליכט



**אײערע קינדער זאָלט איר מודיע זײן וואס דאָ האָט זיך געטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

### אַ גוט שַׁבָּת פַאר אַלֶע אידן

די וואָך איז די תּוֹרָה מַאֲרִיךְ וועגן די מְרַגְּלִים און זייער עֹנֶשׁ. פְרייטאָג צונאַכטס הייבט מען אָן לְכוּ נְרַנְּנָה דער עֶרשטער קאַפּיטל פון קַבָּלַת שַׁבָּת און דער חַזָּן צוזינגט זיך: "אַרְבָּעִים שָׁנָה אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב הֵם... אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי אִם יְבֹאוּן אֶל מְנוּחָתִי (תהלים צה, יא)" דער אויבערשטער האָט געשוואוירן אַז דער גאַנצער דוֹר הַמִּדְבָּר וועט נישט אַרײנגײן אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וועגן די זינד פון די מְרַגְּלִים, נאָר כָּלֵב און יְהוֹשֻׁעַ האָבן זוֹכֶה געווען אַרײנצוגײן.

וואָס איז אַזוֹי האַרב דער עֹנֶשׁ פון די מְרַגְּלִים, אַז די מְרַגְּלִים זאָלן זיך דרײען פערציג יאָר אין מִדְבָּר און דאָרט שטאַרבן, און זיי אַלײן האָבן באַקומען אַזאַ שווערע שטְרָאָף?

לאָמיר זען וואָס ר' נָתָן שרײבט אין נְדָרִים ד' וועגן די מַעֲשֶׂה און זיך אָפּלערנען וויאַזוֹי מיר זאָלן חַס וְשָׁלוֹם נישט זיין קיין מְרַגְּלִים און זיך נישט אָפּלערנען פון זיי. עס איז דאָ אַ תּוֹרָה אין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ז' חֵלֶק שֵׁנִי, ווי דער רֶבּי רעדט אַז דער עִיקָר זאַך פון אַ צַדִּיק און יעדער איד איז ער זאָל זיין סײ פון די דְרֵי מַטָּה און פון די דָרֵי מַעְלָה. דאָס מיינט אַז עס איז פאַראַן דָרֵי מַעְלָה – מַלְאָכִים וואָס וואוינען לְמַעְלָה און דָרֵי מַטָּה דאָס איז מיר מענטשעלע - פון פְלייש און ביין מיט שוועריקייטן און יִסּוּרִים - וואָס וואוינען דאָ אונטן.

בעפאָר דער באַשעפער האָט באַשאַפן דעם מענטש האָבן די מַלְאָכִים מְקַטְרֵג געווען און געזאָגט: "מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ וּבֶן אָדָם כִּי תִפְקְדֶנּוּ (תהלים ח, ה)?" פאַרוואָס זאָל מען באַשאַפן אַ מענטש וואָס קען זיך נישט האַלטן אין אַ גלײכע ליניע, ער פאַלט אַראָפּ, אַרויף, ער איז נישט קיין מְסוּדָר'דיגער בְּרִיָּה, שטענדיג האָט ער עֲלִיּוֹת און יְרִידוֹת. די מַלְאָכִים האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז דער באַשעפער האָט אַ נַחַת רוּחַ פון אַזאַ סאָרט באַשעפעניש וואָס פלאָגט זיך און יעדע פאָר מינוט איז ער עפּעס אַנדערש, איין מינוט איז ער אַ גַלָח און אַ מינוט אַ מַלְאַךְ!

דער דאָזיגער קִטְרוּג פון די מַלְאָכִים האָט גוֹרֵם געווען אַז די מְרַגְּלִים האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז זיי האָבן בִּכְלַל עפּעס אַ ווערד, ווי מען זעט אין די פַּרְשָׁה ווי די מְרַגְּלִים זאָגן: "וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים בְּנֵי עֲנָק מִן הַנְּפִלִים וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם (בַּמִּדְבָּר יג, לג)" די נְפִילִים זענען די מַלְאָכִים וואָס האָבן מְקַטְרֵג געווען אויף די מענטשן ביים וועלט-

המשך קומענדיגע זייט



# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

בַּאשַׁאפוּנְג און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט און זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט זֵייעֶר נִידְרִיגֶע עֲבֵרוֹת, און פוּן דִי דָאזִיגֶע אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע מַלְאָכִים אִיז גֶעוָוארְן דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן זֵיי, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן וִוי מוּרִישְׁקֶעס, און אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעהַאלְטְן וִוי הֵיישֶׁערִיקְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע רִיזְן.

דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע נַחַת פוּן יֶעדְן תְּנוּעָה פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד דָאס הָאבְּן זֵיי פַארְלוֹירְן, אַנְשְׁטָאט דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי גְרוֹיסֶע אוֹיגְן פוּן דִי רִיזְן און זִיךְ צוּנִישְׁט גֶעמַאכְט אִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן. אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט מֶען דִי פֶעסְטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת און שַׁעֲשׁוּעִים פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, פוּן יֶעדְן אִינְגְל, פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע חוּט הַשַּׂעֲרָה וָואס עֶר רִירְט זִיךְ צוּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי שְׁטְרָאף אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרֵיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין נָאר וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין און אִיז אַ רִיכְטִיגֶער עָנָיו - וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן קְלֵיין, וַוייל דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן גְרוֹיס, זֵייעֶר פְּגַם אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גַּאֲוָה.

אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ און כָּלֵב הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן אַרֵיינְצוּקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט בְּכֹחַ זַיין גְרוֹיסֶער רֶבִּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי אוֹיךְ כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ קִבְרֵי אָבוֹת און דָארְט אַיינְגֶעְרִיסְן נִישְׁט אַרֵיינְצוּפַאלְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, וָואס לַיידֶער פַאלְן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַרַיין אִין דֶעם פְּגַם און גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת-רוּחַ פוּן זֵיי.

זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים און דֶער כֹּחַ הַצַּדִּיק זָאל בְּקָרוֹב נִתְגַּלֶּה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָמֵן וְאָמֵן.

הגליון נתנדב ע"י הר"ר שלמה שישא הי"ו
לרגל נישואי בנו בשטומ"צ

~ ~

הגליון נתנדב ע"י הר"ר מתתי' דאווידאוויטש הי"ו
לרגל נישואי בתו בשטומ"צ

~ ~

הגליון נתנדב ע"י הר"ר יוסף פרידמאן הי"ו
לרגל נישואי בנו בשטומ"צ




צו מנדב זיין די גרויסע הוצאות פונעם
סיום וואס ווערט פארקומען אי"ה ר"ח תמוז
הבעל"ט רופט די עסקנים: 053-4142-537
אדער 347-231-9084

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## הֲשָׁבַת אֲבֵדָה

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, מַיין מַאמֶע הָאט פַארְלוֹירְן אַ טַייסְטֶער, זִי אִיז עֶס צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דָארְט וואו זִי הָאט עֶס פַארְלוֹירְן, אָבֶער זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. אִיךְ מִיט מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער קִינְדֶער הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אַז מֶען זָאל עֶס גֶעפִינֶען, אִינְמִיטְן קְלִינְגְט אֵיינֶער מַיין טַאטְן אוּן זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם טַייסְטֶער עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם עֶנְקֶער דֶעם טֶעלֶעפָאן נוּמֶער.

מֶען זֶעט פוּן דָא דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה

אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג פוּן חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע וַוייעֶן, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּם עֶרְגְסְטְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, אוּן דִי וַוייעֶן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען שׁוֹין גֵיין אִין חֵדֶר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט.

## טוֹב לְהוֹדוֹת

זוּנְטָאג הָאט מֵיין רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן אַ נוֹשֵׂא וִויפִּיל מֶען דארְף דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט אוּן פְּרָט זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן אוּן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דַאנְקְן אוֹיף דֶער גֶעזוּנְט, לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן אִיךְ לֶערְן אִין אַ אִידִישֶׁע חֵדֶר, אִיךְ גֵיי מִיט פֵּאוֹת אוּן אַ קַאפְּל, א.א.וו

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶענוּמֶען דִי עֵצָה אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען דַאנְקְן דֶעם טַאטְן אִין הִימְל. אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן חֵדֶר טְרֶעף אִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אַ צֶענֶער! שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים אַדְשׁוּאִים אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שֵׁיין פַארְדִינְט. טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַ מוֹיל דִיר צוּ דַאנְקְן!!!

(אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פַארְהַאן אַ שְׁפִּיל פוּן קִינְדֶער 'אַדְשׁוּאִים' מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען טוּישְׁט זִיךְ אַרוּם קֶערֶעלֶעך פוּן עֶפְּרִיקַאט, זֶעט אוֹיס אַז דֶער שְׁפִּיל אִיז מֶער פוּן אַכְצִיג יָאר אַלְט - נָאךְ פוּן אַלְט שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִינְאֵיינֶעם לְהַבְדִיל מִיט דִי אַרַאבֶער, עַדְשׁוּ אִין אַרַאבִּישׁ מֵיינְט אַ קֶערְל)

נַחְמָן

## אַ קַארְלִינֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר גֶעשְׁרֵיי

אַ גוּטְן אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. אִיךְ וואוֹין אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ. אֵיין שַׁבָּת זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם ווַייל אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאבְּן דָארְט גֶעהַאט אַ שַׁבַּת-הִתְאַחֲדוּת פַאר אַלֶע פֶּעטֶערְס אוּן קְרוֹבִים.

# איין אשה'לע



דָארְט וואוּ מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע שׁוּל, דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען אִין אַ שׁוּל פוּן עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ סְפִירָה צֵיילְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ וִוי נַאטוּרְלִיךְ גֶענוּמֶען זָאגְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער דִי חֲסִידִים פוּן דֶער שׁוּל זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע צְעָקוֹת, אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַן אִינְגֶערְמַאן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִינְגְל דָא אִיז נִישְׁט קֵיין קַארְלִינֶער שׁוּל!!".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל פַארְשֶׁעמְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶענוּמֶען דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה אוּן טַאקֶע שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט הוּנְדֶערְט 'אַדְשׁוּאִים', הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער צָאלְט צוּרִיק פַאר דִי בִּזְיוֹנוֹת.

נַחְמָן

נַחְמָן הַיָּקָר, אַשְׁרֶיךָ, אַשְׁרֶיךָ, אַשְׁרֶיךָ!! אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצָה פוּן 'אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם' אוּן גֶעדַאוְונְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. זֶעט אוֹיס אַז דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁרַייט מֶען אוֹיךְ אוּן אוֹיךְ אַז זַיינֶע אִיר-עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ לִכְאוֹרָה גֶעוֶוייקְט בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם, הָאבְּן גַאנְץ גֶעוִויס אוֹיךְ גֶעשְׁרִיגְן נִישְׁט נָאר בַּיי סְפִירַת הָעֹמֶר נָאר אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה פוּן דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת. וִוי בַּאוואוּסְט אִיז בַּיים בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט צוּ דַאוְונֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן הוֹיךְ קוֹל, תְּפִלָּה בְּכֹחַ, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן דֶערְצֵיילְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֵּית מִדְרָשׁ אוּן גֶע'מוּסָר'ט דֶעם עוֹלָם אַז זֵיי דַאוְונֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט, 'מִיר הָאבְּן בַּאלְד פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי ווִיל צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען 'עֲטָרָה לְיָשְׁנָהּ' מֶען זָאל דַאוְונֶען מִיט כַּוָּונָה אוּן אַ בְּרֶען, בְּכֹחַ גָּדוֹל אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע חֲסִידִים פוּן צֵייטְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

וַוייל אִין רֶבִּי'נְס אִינְגֶע יָארְן הָאבְּן דִי חֲסִידִים זִיךְ שׁוֹין לֵיידֶער אָפְּגֶעקִילְט דֶערְפוּן... אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דָאס דַאוְונֶען צוּ אִיר אַמָאלִיגֶע גְלַאנְץ.



כתב יד פון היילגן בעל שם

# דער בית החיים אין אומאן



דער בית החיים טראָגט אַן אַלטן היסטאריע פון שוין איבער 250 יאָר. די שטיינער דאָ זענען שטומע עדות צו דעם מעכטיגן קידוש השם וועלכע איז אַרויף געגאַנגען אין הימל פון אָט דעם דאָזיגן קליין פעלדעל. דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דער הייליגער מזבח אויף וועלכן מען האָט מקריב געווען די הייליגסטע קרבנות אויף דער וועלט - אידישע קינדער וועלכע ווילן נישט לייקענען אין זייער גאָט פאַר קיין שום פרייז. אָט דאָ אויף דעם באָדן האָט דער איבערשטער כביכול אַראָפּ געלאָזט אַ פּאָר טרערן אויף זיינע ליבע שעפעלעך וועלכע ווערן אויסגעקוילעט דורך גרויזאַמע מערדערישע גויים, און פון דאַנעט האָט זיי די שכינה אויפגענומען, זיי געגלעט מיט אירע פליגלען פיל מיט מוטערליכע ליבשאַפט און אַריינגעפירט צו זייער ליכטיגן אויסגעבענקטן פלאַץ אונטערן 'כסא הכבוד'.

*

געווען איז דאָס אין די עפּאָכע פון די "היידאַמאַקעס", דאָס זענען געווען אַ קליקע פון צולאָזטע פויערן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערליידן צו זיין אונטער געוואָרפן אונטער די רייכע פריצים וועלכע הערשן אויף זיי און באָדן זיך אין געלט; אין דער צייט וואס זיי האָרעווען ביטער שווער פאַר אַ קאַרג שטיקל ברויט. די האבן זיך צאַמגעקליבן צו איין גרופּע אונטער די פירערשאַפט פונעם באַקאַנטן אַרכי-מערדער און טעראָריסט 'גאָנטע' ימח שמו. ציושעטע האָט זיך די גרופּע היידאַמאַקעס אַרויס געלאָזט אויף די דערפלעך און שטעטלעך אויס אוקריינא, וואו אהין זיי האָבן נאָר דערגרייכט האָבן זיי זיך באַלד אַ לאָז געטאָן אויף די פריצים און גיט-האַלטער פונעם דערפל, זיי אויסגע'שחט'ן און אויסגעפּלינדערט וויפיל עס איז געגאַנגען. נאָכן איבער לאָזן אַ טאָטאַלן חורבן פון אונטער זיך, האָבן זיי מאַרשירט צום קומענדיגן שטעטל.

באַזונדער שרעקעדיג איז געווען דער ביטערער שיקזאַל פון די אידישע איינוואוינער, וועלכע די היידאַמאַקעס האָבן באַשולדיגט אַלץ גוטע פריינט צו די גראַפן פאַרנעמענדיג שטעלעס אין זייערע קרעטשמעס און גיטער. דערזעהענדיג אַ איד פאַר זייערע אויגן איז די צוהיצטע בלוט פון די דאָזיגע חיות אַרויף געשטיגן ביזן העכסטן גראַד. אויב זייער שנאה צו יעדן באַשעפעניש איז געווען בייסיג, איז עס קעגן אידן געווען שטעכעדיג. ווי נאָר זיי האָבן אָנגעטראָפן אין איינס - אָדער מערערע - אידן האבן זיי אָנגעכאַפּט און געפּייניגט מיט יעדן סאָרט פּייניגונג וועלכע איז זיי נאָר אַרויף געקומען אויפן געדאַנק, גע'הרג'עט מיטן גרעסטן מיתה משונה וואָס מען קען נאָר אויסטראַכטן רח"ל. די אידן וועלכע האָבן באַוואוינט די שטעטלעך און געגנטער אַרום אומאַן, הערנדיג איבער דעם שרעקליכן באַנדע רוצחים וועלכע גייען פון שטאָט צו שטאָט און הרג'ענען אידן אָן קיין רחמנות. זענען זיי אַלע אַנטלאָפן קיין 'אומאַן', צוליב דעם וואס דער גובערנאַטאָר פון שטאָט איז געווען זייער אַ פיינער מענטש און אַ אידן-ליבהאָבער.

המשך יבוא בעז"ה

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז

# גוּטֶע מִדּוֹת

## הִתְחַזְּקוּת

וָואס טוּט מֶען? הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעפְּרֶעגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וִוי גֵייט מֶען דָארְטְן אָנְקוּמֶען? יוֹסֵף הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַ אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז, אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ עֶס נָאר נֶעכְטְן בַּאקוּמֶען אוּן שׁוֹין הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט... אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוָואנְדְן צוּם הוֹיכְן גְרוֹיסְן בּוֹים וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי לִינְקֶע בְּרֶעג פוּן חָצֵר, אוּן יֶעדֶער הָאט פְּרָאבִּירְט טְרֶעפְן אַ עֵצָה.

ס'אִיז גֶעוֶוען נָאכְמִיטָאג נָאכְן חֵדֶר וֶוען אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי נַייֶע טַאבֶּע וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעבְּרֶענְגְט, דִי שְׁפִּיל אִיז גֶעוֶוען אִין דִי גְרֶעסְטֶע טֶעמְפָּא.. וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הָאט שְׁמִילִי גֶעגֶעבְּן אַ הוֹיכֶע וַוארְף דִי טַאבֶּע אוּן ס,אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן אוֹיפְן גְרוֹיסְן בּוֹים. זֶעהְט אוֹיס אַז דִי טַאבֶּע הָאט זִיךְ דָארְטְן גֶעטְרָאפְן אַ בַּאקְוֶועמֶע ווינְקְל, וַוייל וִויפִיל מֶען הָאט נָאר פְּרָאבִּירְט רוּקְן אוּן שָׁאקְלֶען דִי בּוֹים אִיז זִי דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַארְשְׁטֶעקְט אוּן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט זִיךְ צוּ רוּקְן פוּן אָרְט. בִּיז שְׁמְעוֹן אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק אֶפְשָׁר וֶועט מֶען אִים הֶעלְפְן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן בּוֹים פְּרָאבִּירְן רוּקְן אַבִּיסְל דִי הֶעכֶערֶע בְּלֶעטֶער אַז דִי טַאבֶּע זָאל פַאלְן.



אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, יוֹסֵף הָאט גֶענוּמֶען שְׁמְעוֹן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען אוּן שְׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעכַאפְּט אוֹיף אַ צְוַוייג, אוּן פוּן דִי צְוַוייג צוּ נָאךְ אֵיינֶע אוּן פְּרָאבִּירְט שָׁאקְלֶען דִי בְּלֶעטֶער אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוֹיף אוּנְטְן מִיט אַ תְּנוּעָה מִיט דִי קָאפּ, אֶפְשָׁר לָאזְט מֶען אָפּ? ס'גֵייט נִישְׁט!

אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פוּן אוּנְטְן בַּיים בּוֹים הָאבְּן אִים גֶעשְׁרִיגְן, שְׁמְעוֹן נָאךְ אַבִּיסְל, נָאךְ אֵיין שָׁאקְל, פְּרָאבִּיר פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, מִיט יֶעדֶע רִיר וָואס שְׁמְעוֹן אִיז גֶעלוּנְגֶען צוּ רוּקְן דִי טַאבֶּע, זֶענֶען דִי גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן דִי קִינְדֶער אוּנְטְן גֶעוָוארְן שְׁטַארְקֶער: הָא הָא עֶס פַאלְט שׁוֹין אַרָאפּ... בִּיז עֶנְדֶע נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט שְׁמְעוֹן גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס אַ שְׁטוּפּ אַ צְוַוייג אוּן דִי טַאבֶּע הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גְלִיטְשׁ אַרָאפּ אִין מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה...

נָאר וֶוענְגְן דִיר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּרִיק מַיין טַייֶערֶע טַאבֶּע! הָאט יוֹסֵף גֶעזָאגְט פַאר שְׁמְעוֹן, נֵיין הָאט אִים שְׁמְעוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: מִיר אַלֵיינְס וָואלְט נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען! אַייֶערֶע אַלֶע גֶעשְׁרֵייעֶן צוּ מִיר אִיךְ זָאל פְּרָאבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטַארְקְט, וֶוען נִישְׁט אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַלֶע וָואס שְׁטֵייעֶן פוּן אוּנְטֶער דִי בּוֹים אוּן שְׁטַארְקְן מִיר וָואלְט אִיךְ לַאנְג אוֹיפְגֶעגֶעבְּן...

יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל דֶערְגְרֵייכְן אִין לֶעבְּן גֵייט עֶר פְרִיעֶר אַרִיבֶּער שְׁוֶועריגְקֵייטְן אוּן פְּלָאג, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז ס'גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג לָאזְן זֵיי נָאךְ, אוּן גֶעבְּן אוֹיף, נָאר דִי וָואס שְׁטַארְקְן זִיךְ אִיבֶּער דִי שְׁוֶועריקֵייט אוּן כָאטְשׁ ס'גֵייט זֵיי נִישְׁט לָאזְן זֵיי נִישְׁט נָאךְ דֶעם ווִילְן אוּן פְּרָאבִּירְן נָאךְ אַ מָאל אוּן נָאךְ אַמָאל, זֵיי דֶערְגְרֵייכְן!

אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי אִין גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן אִיז אַוַודְאַי אוּן אַוַודְאַי אִין רוּחָנִיּוּת שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאר אִין אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע פַארְנֶעם.

וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, עֶר ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין קְדוּשָּׁה, לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי ז"ל אַז דֶעמָאלְס אִיז דִי וֶועג אַז מֶען שִׁיקְט אִים פוּן הִימְל אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִגְקֵייטְן, אוּן מֶען דַארְף זַיין אַ מוֹרָאדִי'גֶער עַקְשָׁן זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק ווַייל דֶער בַּעַל דָּבָר לֵייגְט אוֹיף דֶעם אַלֶע כּוֹחוֹת, אַז אַ אִיד זָאל נָאכְגֶעבְּן אוּן זִיךְ מְיָאֵשׁ זַיין פוּן צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען הִתְחַזְּקוּת! אוּן הִתְחַזְּקוּת מֵיינְט זִיךְ שְׁטַארְקְן! זָאגְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס גוּטֶע דִיבּוּרִים, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר! דִי שְׁוֶועריִגְקַייט גֵייט מִיר בּוֹיעֶן! אוֹיבּ ס'גֵייט שְׁוֶוער אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ ווִיל אַ גוּטֶע זַאךְ...

רוֹב מָאל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר פִּילְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט אוֹיף, ס'גֵייט אִים נִישְׁט, דֶעמָאלְס נֶעמְט עֶר זִיךְ עֶסְן דָאס הַארְץ אוּן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן לֶערְנְט אוּנְז (ל"מ תִּנְיָנָא מ"ח) פּוּנְקְט פַאַרְקֶערְט, וֶוען ס'גֵייט שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת ה', דֶעמָאלְס דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן! ווַייל אַזוֹי אִיז דִי וֶועג אָנְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אָט דִי שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן דֶערגְרֵייכְט אִין עֲבוֹדַת ה'.

נָאךְ זָאגְט דָארְט דֶער רֶבִּי: "אוּנְז הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז ס'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט, 'אַז וֶוען אֵיינֶער - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין - וָואלְט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אִין אָנְפַאנְג וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן אִים גֶעזָאגְט: **"אָחִי, חֲזַק וֶאֱמַץ עַצְמְךָ" "בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"** וָואלְט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מֶער גֶעאֵיילְט אוּן גֶעלָאפְן אִין זַיין עֲבוֹדָה, אָבֶּער אִין דִי יָארְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינֶער וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן." דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט יָא, אוּן שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה אַז מֶען פּוֹעֵל'ט גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה כָּאטְשׁ עֶס זֶעהְט אוֹיס פַאַרְקֶערְט. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטְן גֵייט שְׁוֶוער, דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ שְׁטַארְקְן, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעהְן אַז ר' נָתָן שְׁטַארְקְט זַיין זוּהְן אִין דִי בְּרִיוְון אוּן שְׁרַייבְּט אִים:

**... "גָאט אִיז מִיט דִיר שְׁרֶעק דִיךְ נִיט מַיין קִינְד. גְלֵייבּ מִיר אַז מַיינֶע רֵייד זֶענִין דוּרְךְ אֱמֶת. אַז דֶער רֶבִּי עָלָיו הַשָּׁלוֹם מֵיינְט טַאקִי דִיךְ. אִיךְ זָאג דִיר פוּן זַיינִיט וֶועגְן, גָאט אִיז מִיט דִיר. סֶע וֶועט אַלְץ נִתְהַפֵּךְ לְטוֹבָה וֶוערְן. רַק חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד מְאֹד..."**

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ חָשׁוּבֶ'ער רָב אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין אַ שׁוּל אוּן אִים גֶעזֶעהְן זִיךְ שָׁאקְלֶען אִיבֶּער אַ סְטֶענְדֶער אוּן דֶער רָב זָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין אַסַאךְ מָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "דִי שְׁוַוארְצֶע נֶעכְט, זַיי בַּאלוֹיכְטְן! דִי שְׁוַוארְצֶע נֶעכְט, זַיי בַּאלוֹיכְטְן!" עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעשְׁטַארְקְט אַז דִי שְׁוֶועריִגְקֵייטְן פוּן אָנְפַאנְג וֶועט אִים נָאךְ מִיט דִי צַייט לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען, ווַייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן אַלֶע צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִיפִיל זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט! אַזוֹי ווִי ר' נָתָן ז"ל הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַסַאךְ צַדִּיקִים אוּן גֶעזָאגְט: "פַאַרְוָואס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען? ווַייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הִתְחַזְּקוּת." אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פִיל גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זַיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מָאס הִתְחַזְּקוּת אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן, בִּיז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: אוּן פַאַרְוָואס הָאט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס אִיךְ בִּין? ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הִתְחַזְּקוּת!

# שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר הַמַּעֲשִׂיּוֹת




## ה – דֶער 'צַדִיק' וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן 'עַצְבוּת'

**[אות א]** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט: אַז 'עַצְבוּת', 'טְרוֹיעֶרִיגְקַייט', אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶע מִדָה! אוּן מְ'דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן דֶערְפוּן! – אוּן מְ'דַארְף זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְּן!

וַוייל עֶר דַארְף ווִיסְן: אַז יֶעדְן 'רִיר' אוּן 'בֵּייג', וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רִירְט זִיךְ אוּן רוּקְט זִיךְ, וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת-הַשֵׁם – אִיז זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן – אֲפִילוּ עֶר רוּקְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ הָאר! – וַוייל ווִייבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ 'גוּף', אִין 'עוֹלָם-הָעֲשִׂיָה' – אִיז דֶערְפַאר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף אִים, יֶעדְן רִיר אוּן בֵּייג! – דֶעריבֶּער אִיז דָאס זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן!

**[אות ב]** אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִיק: וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן 'טְרוֹיעֶרִיגְקַייט' [עַצְבוּת] אוּן 'שְׁוֶוערִיגְקַייט'! – אוּן וֶוען ס'אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף אַ צַדִיק 'עַצְבוּת', אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים – וַוייל אוֹיף אַ 'צַדִיק', שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס זֵייעֶר פִיל!

בִּיז ס'אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים, אַזוֹיפִיל 'פוֹילְקַייט' [עַצְלוּת] אוּן 'שְׁוֶוערִיגְקַייט' – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְרִירְן פוּן זַיין פְּלַאץ, צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע 'שְׁוֶוערִיגְקַייט' אוּן 'עַצְבוּת' וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער אִים!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְּן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן דֶערְהֵייבְּן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, הָאט אִים דֶער 'בַּעַל-דָבָר' גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען 'עַצְבוּת'! – בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע 'שִׂמְחָה' וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, הָאט עֶר אִים גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען 'עַצְבוּת'!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן, מִיט דִי 'שִׂמְחָה' פוּן "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי"! "בַּאשְׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַאפְן קֵיין גוֹי"!

– אוּן דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה' וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר! – וַוייל מְ'קֶען דָאךְ נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן דִי צְווִישְׁנְשֵׁייד אוּן חִילוּק! 'טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע-טוֹיזְנְטֶער צְווִישְׁנְשֵׁיידְן', וָואס אִיז פַארְהַאן צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן אַ אִיד, פוּן דֶעם 'נִידְרִיגְסְטְן-פוּן-דִי-נִידְרִיגְסְטֶע' – צְווִישְׁן דִי שְׁלֶעכְטְס אוּן טוּמְאָה פוּן דִי 'גוֹיִם'!

אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס חֲסָדִים אִיבֶּער אִים: "אַז עֶר הָאט אִים נִישְׁט בַּאשַאפְן קֵיין גוֹי"! – דַארְף עֶר זִיכֶער זֵייעֶר פַארְגְרֶעסֶערְן זַיין 'שִׂמְחָה' דֶערְמִיט! – אוּן דָאס אִיז אַזַא סָארְט 'שִׂמְחָה', וָואס אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קֵיין 'עַצְבוּת'!

וַוייל מִמֵילָא וֶוען עֶר דֶערְפְרֵייט זִיךְ מִיט אַזַא סָארְט זַאךְ וָואס עֶר טוּט אַלֵיינְס, קֶען מֶען נָאךְ טְרֶעפְן דֶערוֹיף 'עַצְבוּת' אוֹיף יֶעדְן סָארְט 'שִׂמְחָה' – וַוייל אִין יֶעדְן זַאךְ וֶועט עֶר [דֶער 'בַּעַל-דָבָר'] אִים טְרֶעפְן 'חֶסְרוֹנוֹת', כְּדֵי אִים נִישְׁט צוּצוּלָאזְן זִיךְ צוּ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן!

אָבֶּער מִיט דֶעם זַאךְ פוּן: "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", וָואס דָאס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט, אַז עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט בַּאשַאפְן קֵיין 'גוֹי' – ווִיאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַ 'חֶסְרוֹן' אִינֶעם 'דָאזִיגְן סָארְט שִׂמְחָה', ווִייבַּאלְד דָאס אִיז דָאךְ 'מַעֲשֵׂה הַשֵׁם-יִתְבָּרַךְ' אַלֵיינְס! – וַוייל ווִיאַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין [וָואס ס'גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף אִים], אִיז דָאךְ אָבֶּער כָאטְשִׁיק פַארְהַאן אַ רִיזִיגְן צְווִישְׁנְשֵׁייד, צְווִישְׁן אִים אוּן דִי גוֹיִם, אָן קֵיין שִׁיעוּר אוּן אָן קֵיין שַׁאץ!

**[אות ג]** אוּן דֶער 'אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער צַדִיק' הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן דֶערְמִיט [מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי"]! – אוּן עֶר הָאט 'צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ', זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ צוּ דֶערְהֵייבְּן! – אוּן יֶעדְן מָאל הָאט עֶר זִיךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן דֶערְפְרֵייט! – בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא 'שְׁטַארְקֶע אוּן גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה'! אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ "דִי 'שִׂמְחָה' וָואס 'מֹשֶׁה רַבֵּינוּ' עָלָיו-הַשָׁלוֹם הָאט גֶעהַאט, בְּשַׁעַת וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל צוּ בַּאקוּמֶען דִי 'לוּחוֹת'" [אָבוֹת-דְרַבִּי-נָתָן פ"ב ה"ג]!

**אוּן אַזוֹי אִינְצְוִוישְׁן וָואס עֶר** [דֶער ׳אוֹיבְּנְדֶערמַאנְטֶער צַדִּיק׳] **דֶערְהֵייבְּט זִיךְ אוּן דֶערְפְרֵייט זִיךְ אַזוֹי – אִיז עֶר גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת׳, ׳עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל׳!** [דָאס הֵייסְט: עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגְן בְּתוֹךְ דִי ׳עוֹלָמוֹת׳, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְלִיעֶן פוּן דֶעם פְּלַאץ אִין ׳עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן׳ וואוּ עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט פְרֵיילֶעךְ – זֶעה וַוייטֶער]!

**אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן, קוּקְט עֶר זִיךְ אָן, אוּן עֶר** [זֶעהְט: אַז עֶר] **אִיז זֵייעֶר וַוייט** [הֶעכֶער] **פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועןְ פְרִיעֶר!**

**אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט ׳גְרוֹיס צַעַר׳ – וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: אַז עֶר וֶועט אַרַיינְפַאלְן צוּ עֶפֶּעס אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ!** [וַוייל וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ גֶערוּקְט הֶעכֶער, אִיז אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיין עֲבוֹדָה – וֶועט עֶר דָאךְ אַרָאפְּפַאלְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן פְּלַאץ, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶערוּקְט אוֹיבְן – זֶעה בִּילְד וַוייטֶער] **– אוּן סְ׳וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער** [וֶוען מְ׳וֶועט אִים זֶעהְן אוֹיף אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ פוּן פְרִיעֶר – אוּן מְ׳וֶועט זָאגְן]**: ״אַז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג נֶעלָם גֶעוָוארְן״** [פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ]**! – אוּן דֶער צַדִּיק וִויל דָאךְ זַיין שְׁטֶענְדִיג ״הַצְנֵעַ־לֶכֶת״** [מִיכָה ו, ח]**! ״לֶעבְּן בַּאהַאלְטְן אוּן בַּאשֵׁיידְן״!** [בְּמֵילָא ווִיל עֶר נִישְׁט מְ׳זָאל זֶעהְן: ווִי עֶר שְׁטֵייגְט אוּן גֵייט הֶעכֶער]!

**[אוֹת ד] אוּן דִי ׳שִׂמְחָה׳ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין! וַוייל ׳שִׂמְחָה׳ הָאט אַ ׳גְרֶענִיץ׳, וואוּ עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, אוּן וואוּ עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ! – אוּן וֶוען דִי ׳שִׂמְחָה׳ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶנְדִיגְן, הָאט זִיךְ דָאס גֶעעֶנְדִיגְט ׳צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ׳ – אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְנִידֶערְט** [פוּן דָארְט וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן] **׳צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ׳!**

**אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען** [אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן] **אוּן דֶערְנִידֶערְט גֶעוָוארְן, פוּנֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן בְּשַׁעַת דִי** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע רִיזִיגֶע] **׳שִׂמְחָה׳ – אִיז עֶר נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין עֶרְשְׁטְן פְּלַאץ** [אִין ׳עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן׳] **פוּן וואוּ עֶר אִיז פוּן דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן** [זֶעה אוֹיבְן] – [דָאס הֵייסְט: אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן צוּרִיק] **אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג־גַאנְג פוּן זַיין פְלִיעֶן** [אוֹיף אַרוֹיף]**! – נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטְן** [דָא אוֹיף דֶער ׳דָאזִיגֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער־וֶועלְט׳]**, צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ פוּן וואוּ עֶר אִיז** [גֶעוֶוען פְרִיעֶר וֶוען עֶר אִיז] **אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן** [פַאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר פְרֵיילֶעךְ]**!**

**אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער: אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט צוּרִיק אַרָאפְּגֶענִידֶערְט: וִוי עֶר אִיז צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין ׳עֶרְשְׁטְן פְּלַאץ׳** [זֶעלְבְּן] **פְּלַאץ׳** [וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען]**?! – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט!** [זֶעה בִּילְד וַוייטֶער].

**בִּיז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען** [צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען] **צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ וָואס עֶר אִיז קוֹדֶם דָארְט גֶעוֶוען** [בְּשַׁעַת עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּעַצְבוּת]**!**

**אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ אָן, אוּן עֶר זֶעהְט: אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען! אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט פוּן זַיין פְּלַאץ! נָאר אֶפְשַׁר אַזוֹי־וִוי אַ ׳הָאר׳, וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!**

**אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער אִין צַדִּיקְ׳ס אוֹיגְן: ״אַז עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת׳, אוּן ׳דָא אוּנְטְן׳ הָאט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט״!**

**הָאט מֶען אִים גֶעוויזְן: אַז סְ׳אִיז אַזוֹי טַייעֶר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס אוֹיגְן, יֶעדְן קְלֵיינֶעם ׳רִיר׳ אוּן ׳בֵּייג׳ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רוּקְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ קְלֶענֶער פוּן אַ ׳הָאר׳! – אַז ׳טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן מַייל׳, זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְט** [הָאבְּן נִישְׁט אַזַא גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת] **קֶעגְן דֶעם!** [דָאס הֵייסְט: אַז דָא אוּנְטְן וֶוען מְ׳רוּקְט זִיךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע, אוּן מְ׳קוּמְט נָאר אָן צוּ ׳עֶפֶּעס אַ (קְלֵיינֶעם) קְדוּשָׁה׳, אֲפִילוּ נָאר ׳אַזוֹי קְלֵיין ווִי אַ הָאר׳ – אִיז דָאס נָאךְ סַאךְ מֶער טֵייעֶרֶער, ווִי ׳טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת׳ דָארְטְן אוֹיבְן אִין הִימְל (לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, חוֹל־הַמּוֹעֵד ד, יג; רֵאשִׁית־הַגֵּז ד, א)].

**[אוֹת ה] אוּן דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין** [דַארְף מֶען ווִיסְן]**: אַז סְ׳אִיז בַּאווּאוּסְט: אַז דֶער דָאזִיגֶער ׳גַשְׁמִיּוּתְ׳דִיגֶער וֶועלְט׳, אִיז נָאר אַ ׳מִיטְל פּוּנְקְט׳ אִינְמִיטְן דִי ׳גַלְגַלִים׳, ווִי סְ׳אִיז עֶרְקְלֶערְט דוּרְךְ דִי ׳בַּעֲלֵי־תְּכוּנָה׳!** [׳חָכְמַת אַסְטְרָאנָאמְיֶע׳, דִי גַאנְג פוּן דִי זוּן, לְבָנָה, אוּן שְׁטֶערְנְס – זֶעה: ׳רַמְבַּ״ם׳ הִלְכוֹת קִדּוּשׁ־הַחֹדֶשׁ; סֵפֶר־הַבְּרִית; סֵפֶר־הַתְּכוּנָה פוּן רַבִּי חַיִּים וִויטַאל]! **– אוּן כָּל־שֶׁכֵּן קֶעגְן דִי ׳עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים׳, וֶוערְט דִי ׳גַאנְצֶע וֶועלְט׳ זִיכֶער נִישְׁט בַּאטְרַאכְט, מֶער ווִי אַ ׳פִּינְטֶעלֶע׳!**

**אוּן סְ׳אִיז בַּאווּאוּסְט: אַז אַלֶע ׳שְׁטְרִיכְן׳ וָואס דוּ וֶועסְט צִיעֶן פוּנֶעם ׳מִיטְל פּוּנְקְט׳ – זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים ׳פּוּנְקְט׳, אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! אוּן ווִי מֶער זֵיי דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ פוּנֶעם ׳פּוּנְקְט׳, וֶוערְן זֵיי מֶער דֶערְוַוייטֶערְט אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן!**

**אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי ׳שְׁטְרִיכְן׳ דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ גָאר אַסַאךְ פוּנֶעם ׳פּוּנְקְט׳, דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ דַאן אוֹיךְ דִי**



׳שְׁטְרִיכְן׳ אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן, גָאר שְׁטַארְק! כָאטְשׁ וָואס אוּנְטְן בַּיים ׳פוּנְקְט׳ זֶענֶען זֵיי נָאנְט אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! – אַזוֹי־וִוי עֶס צֵייגְט דָאס דָאזִיגְן בִּילְד ☜:

קוּמְט אוֹיס: אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי עֶס וֶוערְן גֶעצוֹיגְן ׳שְׁטְרִיכְן׳ פוּן דֶעם ׳אוּנְטֶערְשְׁטְן־וֶועלְט׳, אֲפִילוּ נָאר בִּיז דִי ׳גַלְגַלִים׳ – קוּמְט דַאן אוֹיס: אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן זַיין פְּלַאץ, נָאר [אַזוֹי וֵוייניג] וִוי אַ ׳פָאדֶעם׳ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן: דָארְט אוֹיבְן בַּיי דִי ׳גַלְגַלִים׳, וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם [עֶרְשְׁטְן] פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶועזְן פְרִיעֶר, קֶעגְנְאִיבֶּער זַיין קָאפּ – וֶוערְט עֶר יֶעצְט דֶערְוַוייטֶערְט ׳עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל׳, לוֹיטְן שַׁאץ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם ׳אוֹיבֶּערְשְׁטְן גַלְגַל׳ קֶעגְנְאִיבֶּער דֶעם ׳אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט׳, וִוי בַּאוואוּסְט! – וַוייל סְ׳אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעזֶעצְט [אִינֶעם גַלְגַל], ׳שְׁטֶערְנְס׳, גָאר אָן קַיין צָאל, אוּן יֶעדְן ׳שְׁטֶערְן׳ אִיז בְּעֶרֶךְ אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דֶער ׳דָאזִיגֶער וֶועלְט׳, אוּן נָאךְ גְרֶעסֶער! [זֶעה נָאךְ אִין ׳לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת׳, עֵרוּבֵי־תְּחוּמִין ה, כ].

[אות ו] כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי דִי ׳שְׁטְרִיכְן׳ וֶוערְן גֶעצוֹיגְן בִּיז דִי ׳עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים׳ – וָואס אַלֶע ׳גַלְגַלִים׳, זֶענֶען גָארְנִישְׁט קֶעגְן זֵיי! – קוּמְט אוֹיס: אַז סְ׳אִיז נִישְׁט דָא קַיין שַׁאץ צוּ דִי ׳וַוייטְקֵייט׳ [הֶעכֶערְקֵייט] וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט [הֶעכֶער גֶעוָוארְן] דָארְט אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים׳, דוּרְךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע ׳וַוייטְקֵייט׳ [הֶעכֶערְקֵייט], אֲפִילוּ בְּלוֹיז ׳וֵוייניגֶער וִוי אַ הָאר׳ וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט [גֶערוּקְט הֶעכֶער] אוּן אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ!

וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ דָא אִין דֶעם ׳אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט׳, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט אוּן גֶעגַאנְגֶען [הֶעכֶער], נָאר בְּלוֹיז ׳וֵוייניגֶער וִוי אַ הָאר׳! – וָואס אִין זַיינֶע אוֹיגְן אִיז עֶר גָארְנִישְׁט וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען [גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט הֶעכֶער]! וַוייל דָאס קֶען דָאךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּשַׁאצְן! – מִיט דֶעם אַלֶעמֶען: דָארְטְן אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים׳, אִיז עֶר דֶערְוַוייטֶערְט [הֶעכֶער] גֶעוָוארְן ׳עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן מַייל׳!

אוּן כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט ׳אֵיין מַייל׳ אָדֶער ׳עֶטְלִיכֶע מַייל׳ אִין ׳עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם׳! דֶעמָאלְט אִיז: ״עַיִן לֹא רָאֲתָה״ וְכוּ׳ [יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ]

[יְשַׁעְיָה סד, ג]! ״קַיין שׁוּם אוֹיג, חוּץ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס – קֶען נִישְׁט זֶעהְן דָאס גוּטְס וָואס עֶר וֶועט מַאכְן, פַאר דִי וָואס הָאפְן צוּ אִים״!

*

(אִין ׳חַיֵּי־מוֹהֲרַ״ן׳ סה, שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן זַ״ל: דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז אֵיינְמָאל אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ ׳גְרוֹיסְן עַצְבוּת׳ וְכוּ׳, וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ פּוּנְקְט וִוי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹיל – הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן ׳אוּנְזֶערֶע־לַייט׳: ״אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם ׳דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה׳ פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹיל, אִין אַבִּיסְל אַ ׳אַנְדֶערְן נוּסַח׳״! – אוּן אוֹיךְ אִינֶעם ׳סִיפּוּר־הַמַּעֲשֶׂה׳ אִיז גֶעוֶועזְן אַבִּיסְל אַ ׳עֶנְדֶערוּנְג׳ וְכוּ׳!

אַז עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶועזְן אִין זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן פוּן דִי ׳בַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ׳, וָואס יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ ׳חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ׳: ״צוּ עֶר הָאט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, רִיכְטִיג גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער שְׁטֶענְדִיג״! – אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט טוּהְן אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג! אוּן עֶר הָאט גֶעפוּנֶען: אַז עֶר הָאט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶועזְן יְדֵי־חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵימוּת אִינֶעם דָאזִיגְן טָאג!

לְמָשָׁל: עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין אִין שְׁטוּבּ ׳אַהִין אוּן אַהֶער׳, אַזוֹיפִיל מָאל וִויפִיל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיט זַיין ׳הוֹיכְן הַשָּׂגָה׳! – אוּן אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ, וִוי עֶס פַּאסְט לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה!

אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען! – בִּיז סְ׳אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועזְן זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְן! – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן: ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״, ״בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גוֹי״!

[שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן]: אוּן פוּן דֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין: דִי מַעֲלָה אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן צַדִּיק, וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן – אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הוֹיכֶע עֲבוֹדָה מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען ׳אַהִין אוּן אַהֶער׳ אִין שְׁטוּבּ! – אַז וֶוען עֶר הָאט נָאר אַבִּיסְל פַארְמִינֶערְט פוּן דֶעם דָאזִיגְן עֲבוֹדָה, לוֹיט זַיין דֵיעָה, הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶועזְן – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְלֶעבְן מֶער – וֶוען נִישְׁט וָואס עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן: ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״!

זֶעה אוּן פַארְשְׁטֵיי אוּן קוּק: דִי ׳עֲבוֹדָה פוּן דִי צַדִּיקִים׳, אוּן זֵייעֶר ׳צַעַר׳, אוֹיף זֵייעֶר פַארְמִינֶערוּנְג אִין ׳עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם׳ – בִּיז וִוי וַוייט, בִּיז וִוי וַוייט, דָאס דֶערְלַאנְגְט! – אַשְׁרֵי לָהֶם! וואוֹיל אִיז צוּ זֵיי!).

(רַבִּי נָתָן זַ״ל שְׁרֵייבְּט אִין ׳לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת׳, פֶּסַח ט, טו: דֶער עִיקָר ׳נְפִילָה׳ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, אִיז צוּלִיבּ ׳גַדְלוּת׳ [גַאֲוָה] – אַז סְ׳פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ טוּעְן אַזַא ׳עֲבוֹדָה׳ אוּן ׳פְּלָאג׳, בְּשַׁעַת וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן! – אָבֶּער דֶער וָואס זוּכְט דֶעם ׳אֱמֶת׳, זָאגְט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן: אַז צוּלִיבּ ׳אֵיין פִּינְטֶעלֶע פוּן ׳אֵיין אֵיינְצִיגְן גֶעטְלִיכְן־שַׁיין׳, אִיז וֶוערְד דָאס גַאנְצֶע פְּלָאג בְּכֶפֶל־כִּפְלַיִם! – אוּן אַזוֹי־וִוי דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ דֶערְפְרֵייט דוּרְךְ ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״!).

## ו – צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן

**[אוֹת א]** זָאלְסְט וִויסְן: אַז סְ'אִיז פַּארְהַאן 'צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן'! – אוּן 'בֵּיידֶע פַּאלַאצְן' זֶענֶען [מַמָּשׁ] גְּלַייךְ, אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן. אִין אֵיינְס וואוֹינְט אַ 'קֶענִיג', אוּן אִין דֶעם אַנְדֶערְן וואוֹינְט אַ 'קְנֶעכְט'! – אוּן זִיכֶער בֶּאֱמֶת: אִיז פַּארְהַאן אַ גְרוֹיסְן חִילוּק, צְוִוישְׁן דֶעם 'פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג' אוּן דֶעם 'פַּאלַאץ פוּנֶעם קְנֶעכְט'! – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה זַיין צְוִוישְׁן זֵיי!

וַוייל עֶס אִיז פַּארְהַאן אַ 'קֶשֶׁר' [קְנִיפּ] וָואס אַסַאךְ נְפָשׁוֹת בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, בִּיז סְ'וֶוערְט פוּן זֵיי אַ 'הוֹיז' אוּן אַ 'פַּאלַאץ'! – וַוייל זֵיי בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אֵיינֶער מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, אוּן נָאךְ אֵיינֶער מִיט אַן אַנְדֶערְן – בִּיז סְ'וֶוערְט פוּן זֵיי אַ 'יְסוֹד' [גְרוּנְדְשְׁטֵיין]! – אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט פוּן זֵיי אַ 'אוֹהֶל' [גֶעצֶעלְט]! – בִּיז סְ'וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט פוּן זֵיי אַ 'הוֹיז' אוּן אַ 'וואוֹינוּנְג'!

אוּן דֶער 'דָאזִיגֶער וואוֹינוּנְג', אִיז אַ 'וואוֹינוּנְג פַּארְן אֱמֶת'! – אוּן וֶוען מְ'דַארְף זוּכְן דֶעם 'אֱמֶת', זוּכְט מֶען דָאס אִינֶעם 'דָאזִיגְן וואוֹינוּנְג'! – דָאס הֵייסְט: אִינֶעם דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'קְנִיפּ פוּן דִי צוּזַאמְגֶעבִּינְדֶענֶע נְפָשׁוֹת', וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט אָט דֶער 'דָאזִיגֶער וואוֹינוּנְג פַּארְן אֱמֶת', וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דִי תּוֹרָה גֶעהֵייסְן (שְׁמוֹת כג, ב): "אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת", "אַז בַּיי אַ 'מִשְׁפָּט' דַארְף מֶען גֵיין נָאךְ רוֹב דַיָּינִים" – וַוייל וִויבַּאלְד עֶס בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט זִיכֶער דֶעם 'אֱמֶת', וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

*

אוּן דָאס אִיז דֶער בְּחִינָה פוּן (בְּרֵאשִׁית מו, כז): "כָּל הַנֶּפֶשׁ הַבָּאָה לְבֵית יַעֲקֹב" [כָּל הַנֶּפֶשׁ לְבֵית יַעֲקֹב הַבָּאָה מִצְרַיְמָה שִׁבְעִים], "אַלֶע נְפָשׁוֹת פוּן יַעֲקֹב'ס שְׁטוּבּ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם" [זֶענֶען גֶעוֶוען זִיבֶּעצִיג נְפָשׁוֹת] – דָאס הֵייסְט: אַז פוּן דִי [אֵיינְצִיגֶע] 'נְפָשׁוֹת', אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן 'בֵּית יַעֲקֹב'! [אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּן יַעֲקֹב] – דָאס הֵייסְט: 'אַ וואוֹינוּנְג'ס פְּלַאץ', צוּם 'אֱמֶת', וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן 'יַעֲקֹב', וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, כ): "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב".

**[אוֹת ב]** אָבֶער זָאלְסְט וִויסְן: אַז אַנְטְקֶעגְן דֶעם [קְנִיפּ פוּן אֱמֶת], אִיז פַּארְהַאנֶען אַ 'קְנִיפּ פוּן רְשָׁעִים' – אַז עֶס נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ 'נְפָשׁוֹת פוּן רְשָׁעִים', אוּן סְ'וֶוערְט פוּן זֵיי אַ 'שְׁטוּבּ' אוּן אַ 'וואוֹינוּנְג' צוּ דֶעם 'שֶׁקֶר'.

אוּן אוֹיף דֶעם וָוארְנְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה ח, יב): "לֹא תֹאמְרוּן קֶשֶׁר לְכֹל אֲשֶׁר יֹאמַר הָעָם הַזֶּה קָשֶׁר", "אִיר זָאלְט נִישְׁט זָאגְן אַ סְ'אִיז אַ בּוּנְד, אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער פָּאלְק זָאגְט אַז סְ'אִיז אַ בּוּנְד" [רַשִׁ"י: אוֹיף אַ 'בּוּנְד פוּן רְשָׁעִים' זָאגְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה "אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת"] – וַוייל (סַנְהֶדְרִין כו.): "אַ בּוּנְד פוּן רְשָׁעִים, וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעכְנְט".

אוּן אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כג, ב): "לֹא תִהְיֶה אַחֲרֵי רַבִּים לְרָעֹת", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ 'רוֹב דַיָּינִים' אוֹיף שְׁלֶעכְטְס [אַז בַּיי שְׁלֶעכְטְס גֵייט מֶען נִישְׁט נָאךְ רוֹב].

**[אוֹת ג]** אוּן: צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע סָארְט 'בַּתִּים' [שְׁטִיבֶּער פוּן 'אֱמֶת' אוּן 'שֶׁקֶר], קֶען מֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין – דָאס הֵייסְט: צְוִוישְׁן דֶעם 'אֱמֶת' מִיטְן 'שֶׁקֶר'! – וַוייל דֶער 'שֶׁקֶר' פְּרָאבִּירְט זִיךְ צוּ פַּארְגְלַייכְן צוּם 'אֱמֶת' [אַז סְ'זָאל אוֹיסְקוּקְן דִי זֶעלְבֶּע] – וַוייל אוֹיךְ דָארְט אִיז פַּארְהַאן אַ 'בּוּנְד' פוּן 'אַסַאךְ נְפָשׁוֹת' צוּזַאמֶען, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נַארְן, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט 'ווּאוּ דֶער אֱמֶת אִיז', אוּן צוּ־ווּאוּ עֶר זָאל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן!

אוּן זָאלְסְט וִויסְן: אַז דוּרְךְ דִי 'מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִים', אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּארְשְׁטֵיין [דִי חִילוּק] צְוִוישְׁן דִי 'צְוֵויי דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁטִיבֶּער', צְוִוישְׁן 'אֱמֶת' אוּן 'שֶׁקֶר', צְוִוישְׁן אַ 'קֶענִיג' אוּן אַ 'קְנֶעכְט'.

וַוייל 'שֶׁקֶר' אִיז דִי בְּחִינָה פוּן אַ 'קְנֶעכְט', דִי בְּחִינָה פוּן 'אָרוּר' – דִי בְּחִינָה פוּן (בְּרֵאשִׁית ט, כה): "אָרוּר כְּנָעַן עֶבֶד עֲבָדִים" וְכוּ', "פַּארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין כְּנַעַן, אַ עֶבֶד צוּ עֲבָדִים" [זָאל עֶר זַיין].

*

[עָלִים־לִתְרוּפָה, אוֹר לְיוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת־קֹדֶשׁ וַיִּגַּשׁ תקפ"ו:
וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין בְּרוּדֶער, אַבִּיסְל וֵוייסְטוּ וָואס טוּט זִיךְ אִין מַיין הַארְץ, מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְקְלֶערְן בִּכְתָב.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דֶעם 'נְקוּדַת־הָאֱמֶת', "אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה" (מִשְׁלֵי ב, ד), "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס זוּכְן אַזוֹי־וִוי מְ'זוּכְט זִילְבֶּער, אוּן אַזוֹי־וִוי מְ'זוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת וֶועסְטוּ דָאס זוּכְן" – **זָאלְסְטוּ זוּכְן דֶעם 'אֱמֶת' אִינֶעם 'פַּאלַאץ פוּנֶעם אֱמֶת'** (וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט), **וָואס דָאס וֶוערְט גֶעבּוֹיעֶט דוּרְךְ 'אַנְשֵׁי־אֱמֶת', דוּרְכְן 'בַּעַל־אֱמֶת'.**

"אָז תָּבִין יִרְאַת ה', וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא" (שָׁם פָּסוּק ה), "דֶענְסְטְמָאל וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין 'יִרְאַת־הַשֵּׁם', אוּן דָאס 'גֶעטְלִיכֶע ווִיסְנְשַׁאפְט' וֶועסְטוּ גֶעפוּנֶען".

אוּן זִיכֶער וֵוייסְטוּ אוּן דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ בִּין דִיר מְרַמֵּז – וַוייל דֶעם עִנְיָן פוּן דֶעם 'פַּאלַאץ פוּן אֱמֶת', אִיז אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְט אִין סוֹף 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֵוייסְטוּ גָארְנִישְׁט. (זֶעה נָאךְ אִין לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת־הַשַּׁחַר ג, יא)]

[חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן סו (צוּם שִׂיחָה פוּן דִי 'צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן', אִין סוֹף 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת'): וֶוען מֶען דִינְט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, אוּן מְ'אִיז נָאךְ אַלְץ אִין דִי בְּחִינָה פוּן' עֶבֶד' (זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"ב תּוֹרָה ה) – אִיז מֶען נָאךְ אַלְץ אִין דִי בְּחִינָה פוּן 'אָרוּר' חַס־וְשָׁלוֹם.

אוּן סְ'אִיז אוֹיךְ פַארְהַאן בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אַ בְּחִינָה פוּן 'עֶבֶד', דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן (דְּבָרִים לד, ה; יְהוֹשֻׁעַ א, א): "מֹשֶׁה עֶבֶד ה'".

אוּן זָאלְסְט ווִיסְן: אַז סְ'אִיז פַארְהַאן אַ מִצְוָה, וָואס דוּרְךְ אִיר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי בְּחִינָה פוּן 'עֶבֶד' – דָאס אִיז דִי 'מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִים'.

## ז – דִי צְוֵויי סָארְט 'שֵׂכֶל'

**זָאלְסְט ווִיסְן: אַז סְ'אִיז פַארְהַאן 'צְוֵויי סָארְטְן שֵׂכֶל'! – דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי בְּחִינוֹת פוּן 'אָחוֹר' אוּן 'קֶדֶם'** (זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א כא).

**דָאס הֵייסְט: אַז סְ'אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט 'שֵׂכֶל' וָואס דָאס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ לוֹיטְן 'צַייט', אוּן ווִי מֶער עֶלְטֶער עֶר וֶוערְט, וֵוייסְט עֶר מֶער.**

**ווִי עֶס שְׁטֵייט** (אִיּוֹב לב, ז): **"יָמִים יְדַבֵּרוּ** [וְרֹב שָׁנִים יֹדִיעוּ חָכְמָה]**", "דִי טֶעג רֶעדְן"** (דִי טֶעג פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זַיין עֶלְטֶערְקַייט – מַאכְט אַז עֶר זָאל רֶעדְן; [אוּן דִי פִילֶע יָאהְרְן זַיינֶע, זֶענֶען אִים מוֹדִיעַ דָאס קְלוּגְשַׁאפְט]).

**אוּן דֶער 'דָאזִיגֶער' שֵׂכֶל' – דָאס אִיז דִי** [עֶרְשְׁטֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **בְּחִינָה פוּן 'אָחוֹר', וָואס דָאס קוּמְט אָן מִיט אַ 'שְׁפֶּעטֶערֶע צַייט'. וַוייל צוּ דֶער 'דָאזִיגֶער שֵׂכֶל', דַארְף מֶען הָאבְּן 'צַייט'.**

**אָבֶּער עֶס אִיז פַארְהַאן אַ** [אַנְדֶערֶער סָארְט] **'שֵׂכֶל', וָואס דָאס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, מִיט אַ 'גְרוֹיסְן שֶׁפַע', מִיט אַ 'גְרוֹיסְן שְׁנֶעלְקַייט', וֵוייניגֶער פוּן אַ סֶעקוּנְדֶע – וַוייל דָאס אִיז 'לְמַעְלָה־מֵהַזְּמַן', 'הֶעכֶער פוּן דִי צַייט', אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן צוּם 'דָאזִיגְן שֵׂכֶל', קַיין שׁוּם 'צַייט'.**

**אוּן דֶער 'דָאזִיגֶער שֵׂכֶל' – דָאס אִיז דִי** [צְוֵוייטֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **בְּחִינָה פוּן 'פָּנִים'** [קֶדֶם]. **דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן 'יַעֲקֹב', דִי בְּחִינָה פוּן 'אֱמֶת', ווִי עֶס שְׁטֵייט** (תְּהִלִּים כד, ו): "[זֶה דּוֹר דּוֹרְשָׁיו] **מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה**", "[דֶער דָאזִיגֶער דוֹר וָואס טוּעֶן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט], **זֵיי זֶענֶען רָאוּי צוּ זוּכְן דַיין פָּנִים דוּ גָאט, אוּן זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן דִי קִינְדֶער פוּן 'יַעֲקֹב', בִּיז אֵייבִּיג".**

## ח – סְגוּלָה [רְפוּאָה] פַאר 'פָּאקְן'
### [שְׁוַוארְצֶע פָּאקְן]

**[אוֹת א] נָאךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיְחִי, הָאט רַבֵּינוּ זַ"ל גֶעזָאגְט:** [אַז] **אִינֶעם דָאזִיגְן 'שָׁלֹשׁ־סְעֻדּוֹת' – אִיז מִיר בַּאוואוּסְט** [נִתְגַלֶה] **גֶעוָוארְן, דִי 'סְגוּלָה'** [רְפוּאָה] **פַאר דִי** [קְרֶענְק וָואס הֵייסְט] **'פָּאקְן'** ['שְׁוַוארְצֶע פָּאקְן' – וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְסוּכָּנְ'דִיג, אוּן אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ־הַשֵּׁם מֶער נִישְׁט פַארְהַאן הַיינְט! – דָאס אִיז נִישְׁט 'ווִינְט פָּאקְן' וָואס מְ'רוּפְט הַיינְט 'טְשִׁיקֶענְפָּאקְס' בְּלַעַ"ז]**!**

**אַז מְ'זָאל נֶעמֶען 'קְרַייד'** [זֵייף פוּן ווַייסֶע עֶרְד]**! – אוּן דְרֵיי מָאל מֶער ווִי דָאס וָואג פוּנֶעם 'קְרַייד', זָאל מֶען נֶעמֶען 'זֵייף'** [פוּן גֶעוואוּקְסְן אוּן בְּלוּמֶען]**! – אוּן פוּן בֵּיידֶע** [זֵייפְן] **צוּזַאמֶען, זָאל מֶען מַאכְן אַ 'בָּאד' אָפְּצוּבָּאדְן דֶעם קִינְד! – אוּן מְ'זָאל דָאס מַאכְן גְלַייךְ וֶוען דָאס קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ בְּרֶענֶען אוּן אָנְגֶעהִיצְט וֶוערְן דֶערְפוּן! – אוּן דָאס וֶועט בְּעֶזְרַת־הַשֵּׁם הֶעלְפְן, אוֹיבּ דִי גְזֵירָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק! – אָבֶּער אוֹיבּ דִי גְזֵירָה אִיז חַס־וְשָׁלוֹם שְׁטַארְק, וֶועט דָאס דַאן נִישְׁט הֶעלְפְן!**

**[אוֹת ב] אוּן רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט: אַז דִי 'פָּאקְן קְרֶענְק', אִיז גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דֶעם 'חֵטְא־הָעֵגֶל'! – אוּן סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם דָאזִיגְן זַאךְ: עֶס אִיז דָאךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אוֹיךְ פַארְהַאן דֶעם דָאזִיגְן קְרֶענְק?!** – [דָאס הֵייסְט: אַז 'חֵטְא־הָעֵגֶל' אִיז דָאךְ נָאר שַׁיָּיךְ בַּיי אִידְן? אִיז פַארְוָואס אִיז בַּיי זֵיי אוֹיךְ פַארְהַאן דֶעם דָאזִיגְן קְרֶענְק?].

**נָאר עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ** (בְּרֵאשִׁית־רַבָּה פח, א)**: "אַז סְ'וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין, אַז דִי פֶעלְקֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קְרֶענְק!** (ווִיבַּאלְד סְ'קוּמְט זִיךְ זֵיי 'עוֹלָם־הַזֶּה' פַאר זֵייעֶר חֵלֶק)**! – נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רֵייצְן מִיט דִי אִידְן** [ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לט, ט): "חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי", דָּוִד־הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ: "דֶעם שַׁאנְד פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר, זָאלְסְטוּ מִיר נִישְׁט

גֶעבְּן"] – **דֶערִיבֶּער הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן אַלֶע קְרֶענְק וָואס אִידְן הָאבְּן"!**

**אוּן אַזוֹי־וִוי רַשִׁ"י עֶרְקְלֶערְט אוֹיפְן** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] **פָּסוּק: "חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי"** – "[דֶעם שַׁאנְד פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר, זָאלְסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעבְּן!] – **בְּרֶענְג אוֹיף אִים** [דֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ], **'קְרֶעץ' אוּן 'וֵוייטָאג'! כְּדֵי זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן** [אוּן פַארְשֶׁעמֶען]**: 'עֶטְס וֶוערְטְס גֶעשְׁלָאגְן מִיט קְרֶענְק אוּן אוּנְז נִישְׁט'! – אוּן דִי 'דָאזִיגֶע תְּפִלָּה' פוּן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען, אַז מְ'זָאל גֶעבְּן פַאר דִי פֶעלְקֶער, 'יִסוּרִים' אוּן 'קְרֶענְק'"!**

**אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער לִכְאוֹרָה: סְ'אִיז דָאךְ זִיכֶער אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְן 'חֵטְא־הָעֵגֶל', דֶער דָאזִיגֶער קְרֶענְק?!**

**נָאר קוֹדֶם אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק; דַאן זֶענֶען דִי 'פָּאקְן' גֶעוֶוען, צוּלִיבּ דִי בְּלוּט וָואס דִי קִינְד זֵייגְט פוּן זַיין מַאמֶע, וִוי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט פַאר דִי 'חַכְמֵי־הָרוֹפְאִים' – אָבֶּער דָאס אִיז נָאךְ דַאן נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, אַז סְ'זָאל זַיין מְסוּכָּן צוּ שְׁטַארְבְּן דֶערְפוּן חַס־וְשָׁלוֹם, אַזוֹי־וִוי יֶעצְט. אוּן דָאס אִיז גֶעוָוארְן צוּלִיבְּן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זִינְד** [פוּן 'חֵטְא־הָעֵגֶל].

**[אוֹת ג] אוֹיךְ אִיז דָאס אַבִּיסְל מְרוּמָז אִין 'סֵפֶר יִרְמְיָה', דָארְט וֶוערְט דָאס אַלֶעס מְרוּמָז אִינֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק** (ב, כב)**: "גַּם כִּי תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר, וְתַרְבִּי לָךְ בּוֹרִית, נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי", "אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ וַואשְׁן מִיט 'קְרַייד'", אוּן דוּ וֶועסְט דִיר מֶערְן 'זֵייף' – אִיז דַיין זִינְד פָארְט גֶעצֵייכְנְט פַאר מִיר".**

**זָאגְט רַשִׁ"י: "**[עֲוֹנֵךְ, דַיין זִינְד:] **אוֹיפְן 'זִינְד פוּנֶעם עֵגֶל'. נֶתֶר: דָאס טַייטְשׁ אוֹיף לַעַ"ז** [פְרַאנְצוֹיזִישׁ אִידִישׁ]**: 'קְרַייד'. בּוֹרִית: זֵייף".** (קוּמְט אוֹיס: אַז דָא אִיז מְרוּמָז דִי סוֹד פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'סְגוּלָה', וָואס דָאס קוּמְט נָאךְ פוּנֶעם 'חֵטְא־הָעֵגֶל'. דָאס אִיז: זִיךְ צוּ וַואשְׁן מִיט 'קְרַייד', אוּן צוּ פַארְמֶערְן 'זֵייף'). **אוּן פַארְשְׁטֵיי וואוּנְדֶער!**

(זֶעה נָאךְ וֶועגְן 'פָּאקְן': שִׂיחוֹת־הָרַ"ן קפט; חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן פב; לִקּוּטֵי־תְּפִלּוֹת ח"א סז; יְמֵי־מוֹהֲרַנַ"ת ח"א ט; אֲבָנֵי"הַ־בַּרְזֶל; שִׂיחוֹת־וְסִפּוּרִים מֵרַבֵּנוּ זַ"ל לד).

## ט – אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס יוּנְגֶע יָאהְרְן:

**אֵיינְמָאל אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ 'פִּדְיוֹן', אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף אַ קִינְד מִיטְן נָאמֶען: "שָׂרָה אֶסְתֵּר בַּת יְהוּדִית". אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַז זִי וֶועט שְׁטַארְבְּן"! – אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. וּבְאֵלוּ הַתֵּבוֹת "מֵתָה" "וַיִּבְאַשׁ" נִתְגַּלָּה לוֹ זֹאת. "מֵתָ'ה וַ'יִּ'בְ'אַ'שׁ", רָאשֵׁי־תֵּבוֹת: שָׂ'רָה אֶ'סְתֵּר בַּ'ת יְ'הוּדִית. וַ', מֵתָה. הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.**

**הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּסְט פוּן דִי 'הֵיילִיגֶע תּוֹרָה', וַוייל עֶר הָאט דֶעמָאלְס גֶעזֶעהְן אַ פָּסוּק** (שְׁמוֹת ז, כא)**: "וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ". אוּן בַּיי דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: "מֵתָה וַיִּבְאַשׁ", אִיז אִים דָאס נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן. וַוייל דִי וֶוערְטֶער: "מֵתָ'ה וַ'יִּ'בְ'אַ'שׁ", אִיז דִי רָאשֵׁי־תֵּיבוֹת: פוּן דָאס קִינְדְ'ס נָאמֶען: שָׂ'רָה אֶ'סְתֵּר בַּ'ת יְ'הוּדִית, וַ', מֵ'תָ'ה – הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן.**

## י – עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן

**עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: אַז אוֹיבּ סְ'וֶועט זִיךְ זֵיי חַס־וְשָׁלוֹם טְרֶעפְן אַ 'נִישְׁט רֵיינֶע פַּאסִירוּנְג"** (שְׁמוּאֵל־א כ, כו) **– זָאל מֶען גְלַייךְ תֵּיכֶף־וּמִיָּד גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן"!**

**וַוייל דוּרְךְ דִי 'פַּאסִירוּנְג' חַס־וְשָׁלוֹם, וֶוערְט דֶערְפוּן וָואס סְ'וֶוערְט דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר גוּט: אַז נָאךְ פַאר עֶס הֵייבְּט עֶפֶּעס אָן צוּ גֶעשֶׁעהְן דֶערְפוּן חַס־וְשָׁלוֹם – זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מַקְדִים זַיין אוּן זִיךְ טוֹבְלְ'ן אוּן רֵיינִיגְן.**

**אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט: "אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן דֶערְפוּן"! – וַוייל דִי זָארְג אוּן מָרָה־שְׁחוֹרָה אוֹיף דֶעם זַאךְ, טוּט זֵייעֶר זֵייעֶר שֶׁעדִיגְן.**

**אוּן סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט דִי דָאזִיגֶע 'צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים'** [תִּיקּוּן־הַכְּלָלִי] **וָואס זֶענֶען מְסוּגָּל צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם דָאזִיגְן זִינְד** [פוּן פְּגַם־הַבְּרִית] **– דָאס זֶענֶען: ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב; נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"ן – וִוי סְ'אִיז שׁוֹין לַאנְג עֶרְקְלֶערְט אִין דִי גֶעדְרוּקְטֶע סְפָרִים** (לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א רה; ח"ב צב; סֵפֶר־הַמִּדּוֹת, קֶרִי ח"ב ה; שִׂיחוֹת־הָרַ"ן קמא; חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן רכה).

דֶעמָאלְס הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז וֶוער ס'וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, צוּ זָאגְן דִי דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים' [תִּיקּוּן־הַכְּלָלִי], אִין יֶענֶעם טָאג וָואס דָאס וֶועט אִים חַס־וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן – וֶועט דַאן זִיכֶער פַארְדָארְבְּן וֶוערְן זַיין זִינְד, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ מֶער נִישְׁט זָארְגְן!

אוּן זַיין עִיקָר כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען: אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן זִיךְ פָארְכְטְן פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין מַחֲשָׁבוֹת אִין דֶעם זַאךְ!

נָאר עֶר זָאל זַיין וִוי אַ גִיבּוֹר חַיִל, צוּ שְׁטֵיין קֶעגְן זַיין תַּאֲוָה. אוּן עֶר זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן מַסִיחַ דַעַת זַיין דֶערְפוּן, אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. אוּן "דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט טוּהְן וָואס אִיז גוּט אִין זַיינֶע אוֹיגְן" (עַל־פִּי שְׁמוּאֵל־ב י, יב), וָואס עֶר וִויל.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מְרַמֵז גֶעוֶוען אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער: אַז דָאס אִיז דֶער בְּחִינָה פוּן דֶער פְּגַם פוּן 'דָוִד הַמֶלֶךְ' עָלָיו־הַשָׁלוֹם, בַּיי 'דִי מַעֲשֶׂה פוּן 'בַּת־שֶׁבַע' (שְׁמוּאֵל־ב, פֶּרֶק יא). אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גוּט עֶרְקְלֶערְט.

אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה שְׁטֶענְדִיג. אוּן עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ אוֹיב עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים כָּאטְשׁ וָואס ס'זָאל נָאר זַיין.

אוּן אוֹיב עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אוּן עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין 'מַחֲשָׁבוֹת' (וָואס מְ'רוּפְט דָאס: 'אִיבֶּערְטְרַאכְטְן'), אוּן עֶר וֶועט גֵיין מִיט זַיין תְּמִימוּת מִיט שִׂמְחָה – וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אוֹיף אַלֶעס בְּשָׁלוֹם.

אוּן אוֹיב עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אוּן עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין 'מַחֲשָׁבוֹת' (וָואס מְ'רוּפְט דָאס: 'אִיבֶּערְטְרַאכְטְן'), אוּן עֶר וֶועט גֵיין מִיט זַיין תְּמִימוּת מִיט שִׂמְחָה – וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אוֹיף אַלֶעס בְּשָׁלוֹם.

אוּן דִי דָאזִיגֶע זַאכְן, קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְקְלֶערְן שְׁרִיפְטְלֶעךְ. "וְעָרוּם יָבִין לַאֲשׁוּרוֹ" (מִשְׁלֵי יד, טו). "אוּן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט וָואס ס'אִיז רִיכְטִיג פַאר אִים".

## יא – דֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס אִיז דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין טַאטְן

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט אִין 'שַׁבָּת־חֲנוּכָּה', אוּן דָאס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן:

פוּן אַ 'בֶּן־מֶלֶךְ' וָואס אִיז דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין טַאטְן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט וְכוּ' וְכוּ'.

אוּן ס'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיין טַאטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט דֶערְמִיט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט. אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְקְט: "אַז זַיין טַאטֶע זָאל אִים כָּאטְשׁ דֶערְלַאנְגֶען זַיין הַאנְט"! – אוּן אוֹיב זַיין טַאטֶע וָואלְט אִים דֶערְלַאנְגְט זַיין הַאנְט – וָואלְט עֶר דָאס גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקוּשְׁט.

נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "דֶער דָאזִיגֶער כְּתַב, אִיז דָאךְ, דָאס 'הַאנְט־שְׁרִיפְט פוּנֶעם קֶענִיג אַלֵיינְס' – אוֹיב אַזוֹי, אִיז דָאס דָאךְ דָאס 'הַאנְט פוּנֶעם קֶענִיג' וְכוּ' וְכוּ'".

(דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רִיכְטִיג, וַוייל דָאס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן – וַוייל ס'אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בַּאצַייטְנְס).

### תָּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

**בָּרוּךְ הַ"נּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ,**
**וּלְאֵין אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּה"**

(יְשַׁעְיָה מ, כט).

"גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער,
"וָואס עֶר גִיבְּט כֹּחַ פַאר דִי מִידֶע;
אוּן פַאר דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ,
טוּט עֶר מֶערְן שְׁטַארְקֵייט".

## דער געווינער אויף די שיחות פון נאך די מעשיות 1 איז
## שמעון צוקער, ירושלים (לעצטע פיר נומערן פון טעל. 7258)

## צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
## 02-5-3333-72
## 646-585-3040

# בחינה אויף סיפורי מעשיות
## די שיחות פון נאך סיפורי מעשיות - (2)

**א. וואס דערציילט אונז דער רבי? אז ס'איז געווען א צדיק וואס ס'איז געפאלן אויף אים?**
- ☐ עצבות - טרויער
- ☐ כבדות - שווערקייט
- ☐ עצבות וכבידות גדול - א גרויסע טרויער און שווערקייט

**ב. וואס האט אים דער בעל דבר געטראפן אין יעדע שמחה?**
- ☐ עצבות
- ☐ גאווה
- ☐ שקר

**ג. וואספארא שמחה האט ער בייס סוף געטראפן וואס איז נישט געלונגען פאר'ן בעל דבר עס צוצושטערן?**
- ☐ אז ער האט געטוהן א גרויסע מצווה
- ☐ אז ער האט געלערנט אסאך שעות
- ☐ אז דער בעשעפער האט אים נישט געמאכט א גוי – שלא עשני גוי

**ד. צו וועלכע שמחה איז דער צדיק אנגעקומען דורך דעם?**
- ☐ צו די שמחה פון א חתונה
- ☐ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ביי מתן תורה
- ☐ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ווען ער האט מקבל געווען די לוחות

**ה. וואו ווייט איז דער צדיק געפלויגן אין די היוכל וועלטן בשעת ער איז געווען פרייליך?**
- ☐ ווי איין האר
- ☐ ער האט זיך בכלל נישט גערירט
- ☐ אפאר טויזענטער מייל

**ו. איז דער צדיק פארא די זעלבע ווען וואו ער איז ארויף?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ז. צו וואו איז דער צדיק אנגעקומען ווען ער איז אראפ דא אויף דער וועלט?**
- ☐ פונקט צו די זעלבע פלאץ וואו ער איז פריער געווען
- ☐ מיט אפשר א האר געריקט פון דער פלאץ וואס ער איז פריער געווען
- ☐ אפאר טויזענט מייל ווייט פון וואו ער איז פריער געווען

**ח. וואס זאגט אונז דער רבי האט מען אים געוואוזן מיט דעם?**
- ☐ אז א צדיק קען אנקומען צו היוכל וועלטן
- ☐ אז עס איז זייער טייער יעדע ריר וואס א מענטש רירט זיך אויף דער וועלט פארן אויבערשטן
- ☐ עס איז זייער טייער דאס וואס דער צדיק גייט אין די היוכל וועלטן

**ט. ווער וואוינט אין די צווי פאלאצן?**
- ☐ איןביידע וואוינען קנעכט
- ☐ אין ביידע וואוינען קעניגן
- ☐ אין איינע וואוינט א קעניג און איינע א קנעכט

**י. איז דא א חילוק צווישן די צווי פאלאצן?**
- ☐ זיי זענען אויס די זעלבע
- ☐ באמת איז דא גרויסע חילוק צווישן זיי ביידע
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. דורך וועלכע מצווה זאגט אונז דא דער רבי, איז מען זוכה צו וויסן די חילוק צווישן זיי?**
- ☐ ציצית
- ☐ תפילין
- ☐ פדיון שבויים

**יב. וואספארא סגולה זאגט דער רבי אויף פאקן ר"ל?**
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און דריי מאל אזויפיל זייף
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט זייף און דריי מאל אזויפיל קרייד
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און צוויי מאל אזויפיל זייף

**יג. פון וואס איז געקומען די קרענק ביז א סכנה ר"ל?**
- ☐ פון נישט א קלארע לופט
- ☐ פון געוויסע עסן
- ☐ פון חטא העגל

**יד. וואס זענען די צעהן קאפיטלאך תהלים וואס ווערן אנגערופן תיקון הכללי?**
- ☐ ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ☐ י"ג, ל"ב, מ"א, נ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ☐ ט"ז, כ"ג, ל"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.

**טו. פארוואס איז נישט גוט אראפצושרייבן די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט שבת חנוכה?**
- ☐ ווייל דער רבי האט עס דערציילט נאר מיט רמזים
- ☐ ווייל מ'האט עס נישט גלייך אראפגשריבן
- ☐ ווייל מ'האט עס לכתחלה נישט קלאר ארפגעשריבן

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די ביסל וואס עס שטייט יא אראפגעשריבן?**
- ☐ ווי שטארק מ'קען זיך מחיה זיין מיט א ספר (כתב פון מלך)
- ☐ ______________________________

בעזהשי"ת

# מעמד סיום

על ספר הקדוש

# סיפורי מעשיות

על ידי צעירי הצאן
דחסידי ברסלב
מחזור ב'

## מאנטאג פרשת חקת

# א' ראש חודש תמוז

# אולם אוהל פיגא

רחוב אדמו"ר מבעלזא 8,

## בית שמש

# בשעה 4:00

4:15 פתיחת שערים

4:30 פתיחה

4:45 כתר

4:50 תיקון הכללי לראש השנה

5:10 סיום על ספה"ק סיפורי מעשיות

5:30 התחלת ספה"ק סיפורי מעשיות

5:50 וואו איז דער רויבער?

6:50 גורלות

7:15 מנחה

*אויף קנעפל 3 וועט מען קענען הערן בעז"ה מודעות און אנווייזונגען*

*מען בעט די חשוב'ע קינדער זאלן מתפלל זיין אז דער הייליגער מעמד זאל ברענגען כבוד שמים און כבוד פארן שם הצדיק.*